# דער אנטדעקער פונם אלטן ייד. בית עולם.

השובע רעדאקציע!

אין נומער 26 פון אייער השובער צייטונג איז דערשינען אן ארטיקל פון ה' דר. דיאמאנט, אין וועלכען ער רעדט וועגן מיין פאָרטראג, וואס איך האב געליינט אין בערלין ביי דער דאָרטיקער סעקציע פון יידיש-וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט.

כ'וואלט נישט געפונען אפילו פאר נויטיק איינצולאזן זיך אין א פאָלעמיק מיטן דר. דיאמאנט, ווען דער ארטיקל זאל נישט געווען זיין אזוי געשריבן, וואס קאן ברענגען דעם ליינער אויף דעם געדאנק, אז איך האב זיך, בעתן פאָרטראג, באנוצט מיט פארשידענע פאָטאָגראפיעס און דעפאָזיטיוון פון דר. דיאמאנט, ארויסגעבנדיק זיי פאר מיינע.

בכדי פולשטענדיק פעסטצושטעלן דעם אמת פון דעם דאָזיקן ענין, געפון איך פאר נויטיק מיטצוטיילן די פאָלגנדיקע פאקטישע ידיעות:

1. זייענדיק א סך מאל אין טשערנאָוויץ אין די לעצטע יארן, האב איך אליין געמאכט א גרויסע קאָלעקציע פון אויפנאמעס פון די מצבות פון אלט טשערנאָוויצער בית-עולם.

דער דר. דיאמאנט ווייסט עס גאנץ גוט, מחמת פאר די פאָטאָגראפיעס, וואס ער האט מיר געשענקטן האב איך אים רעוואנזשירט מיט מיינע אויפנאמעס.

2. צום פאָרטראג מיינעם אין בערלין האב איך ספעציעל באשטעלט דיאפאָזיטיוון פון מיינע אויפנאמעס, להלוטין נישט באנוצנדיק זיך מיט די מאטעריאלן פון דר. דיאמאנט.

3. דעם דערמאנטן ארטיקל פון דר. דיאמאנט אין דער „מנורה" האב איך פון אים נישט באקומען.

אין אצונד א פאר ווערטער וועגן דער „אנטדעקונג" פון הינגן אלטן יידישן בית-עלמין, וועגן וועלכער כ'האב בלומרשט דערציילט אין בערלין. כ'רעכן, אז ס'וואלט געווען גאנץ נאאיוו צו רעדן וועגן אן אנטדעקונג פון א בית-עלמין, וואס עקזיסטירט שוין מער ווי 200—300 יאר.

צום סוף רעכן איך, אז דאס גאנצע מיספארשטענדניש נעמט זיך טאקע דערפון וואס, דער אינפארמאטאָר פון דר. דיאמאנט, האט באקומען נישט דעם ריכטיקן איינדרוק פון מיין פאָרטראג און דערפאר טאקע אזוי פארפלאָנטעט דעם מהות פון מיין ארייַנפיר-וואָרט.

מיטיילנדיק דא אט די אויבנדערמאנטע ידיעות, לאז איך איבער דעם ליינער, אז ער אליין זאל אורטיילן אויף וויפיל דר. דיאמאנט איז געווען בארעכטיקט מיט זיין ארויסטרעטן קעגן מיר.

מיט כבוד און דרך-ארץ
אינזש. ל. פרענקל.

———


אדוואָקאט
**לואיס הויסקנעכט**
האט דערעפנט זיין קאנצליי אין דער
נייע־וועלטג. (סטר. מאראשעשטי) 16



דיר. ר. אקסלראד.
**טאָמאשעווסקי־אין פאוויליאָן־טעאטער** — רוסישע. 22

| | |
|---|---|
| פרייטאג, .15 ד. ה. 9 א זייגער אין אָוונט | שבת און זונטאג, 3 א זייגער נאכמיטאג |
| **דבורה'לע מיוהעסעס** | **דבורה'לע מיוהעסעס** |
| אין 4 אקטן פון י. נאָרדין. | אפערעטע אין 4 אקטן פון י. נאָרדין. |
| שבת, דעם 16. און זונטאג, דעם 17. ד.ה. די גרויסע שלאגעראָפערעטע | מאָנטיק, דעם 18. ד. ה. אוונטס די שלאגער-אָפערעטע |
| **דער קראקעווער הזן** | **דאס פארלוירענע גן־עדן** |
| אפערעטע אין 3 אקטן פון טאָמאשעווסקי. | אפערעטע אין 3 אקטן פון טאמאשעווסקי |

שטארקער ארקעסטער אונטער דער ליטונג פון י. זאַהן־פּאַליאַקאָוו.



פּעלץ־סעזאָן 1929—1930
איינראדונג.
**פעלץ־אטעליער**
**ל. גיפס**
טשערנאוויץ
סטר. רעזשעלע פערדינאנד 18
(הויפטשטראָז 18)
אימפאָרטירט פעלץ־לאגער דירעקט פון לייפציג.
ערשטקל. ברייטשוואנץ־פערזיאנער
אויך פעלצמענטל פון 10.000 ליי און העכרע
אריגינאל בערלינער
או ווינער מאדעלן.
פיינסטע ארבעט נאָך מאָס
פון אייגענע ווי אויך פון מיטגעבראכטע מאטעריאלן.


## צו אונזערע אבאָנענטן!

מיר בעטן אונזערע השובע אבאָנענטן, וועלכע האבן אינאיינעם מיטן פריערדיקן נומער באַקומען א פאסט־מאנדאט אז זיי זאָלן זיך באנוצן מיט דימאנדאטאָן אונז שיקן דעסאבאנעמענט־מענט־אָפצאָל!

ס'איז איבריק נצווייזן, ווי שווער ס'קעמפט אן אומאָפהענגיקע יידישע צייטונג פאר איר קיום. אין די 22 וואָכן זייט איר דערשיינען, האָבן מיר זיך באמיט צו זיין א טריבונע פארן פרייעם יידישן וואָרט, און פאר אלגעמיינע קולטור-אידעען. די צושטימונג וועלכע מיר האָבן באקומען פון אלע קעגנטן פונם לאנד איז דער בעסטער באווייז, אז מיר דערפולן אונזער שליחות מיט ערנסט. נאָך א סך אויפגאבן מוז פון אונז רעאליזירט ווערן. די „טשערנאָוויצער בלעטער" מוזן פארברייטערט ווערן. א ליטערארישע און וויסנשאפטלעכע ביילאג מוז זיין אונזער נייסטער אויפטו, און מיר מוזן שאפן א פארבינדונג מיט די יידיש שאפנדיקע צענטרען אין די אנדערע לענדער.

העלפט אונז דאָס דערגרייכן! יעדער נייער לעזער איז א מאָראלישע און א מאטעריעלע שטיצע און א הילף פאר אונזערע באשטרעבונגען!

**באצאלט אייער אבאנעמענט און ווערבירט נייע לעזער!**

**די אדמיניסטראציע.**


**טיפּאָגראפיע מ. עבנער**
געגרינדעט אין יאָר 1899.
די
טיפּאָגראפיע
מ. עבנער
טשערנאוויץ, הויפשטראס 8
ליפערט פראָמפּט און ביליק בלערליי דרוק־סאָרטן, צייטונגען, בראָשורן, בריפן און קוווערטס, מעמאראנדן אפישן, עטצ. עטצ.
שטאמפּיליען - ערצייגונג.
זעצ-מאשין־ און סטערעאָטיפּ־באטריב.



Med. D . Konrad Merdler
פאר פרויענקראנקהייטן (שפעצ. קויזאלע דיאגנאָסטיק און באהאנדלונג פון עקרות
אקאשאר און אינערע קראנקהייטן
רוסישענאס נר. 19 (הויז ־ יאלאַ־עצקי)
11—1, 3—6


## באָראָכאָוו־לעזעזאל אין בוקארעשט.

די אָרגאניזאציע „פועלי-ציון" אין בוקארעשט איז מודיע, אז זי האט געעפנט אין לאָקאל קאלעא וואקארעשטי נר. 49 א לעזע־זאל, וועלכן מ'קאָן באזוכן יעדן טאָג, פאָרמיטאָג פון 12—10 און אוונטס פון 10—7. די ב. באָראכאָוו־ביבליאָטעק ווערט אין גיכן געעפנט. אלע חברים, סימפּאטיקער און קולטור־אָרגאניזאציעס ווערן געבעטן צו שפּענדן ביכער.


אדרעס: Medic Dentist I. BEIDER
Bucureşti I Calea Vacareşti 30.



פארבעריי און כעמ. רייניקונג
„RECORD"
א. גראָס,
טשערנאוויץ: רוסישעג. 7: ראטהויזשטר.25
רייניקט,
פארבט
אלצ־יינג
ספעציאל־אָפטיילונג: הערנהוט־רעפאראטורן



דאס לוקסוס־באָד
„טערקן־באָד" „BAIA TURCEASCA"
טשערנאָוויץ, שולגאס
איז גרינדלעך רעמאָנטירט געוואָרן און איינגעריכטעט מיט אלע באקוועמלעכקייטן, לויט די מאָדערנע פאדערונגען פון דער היגיעניע
זייט דעם 29־טן אָקטאבער ווידער געעפנט פארן השובן פובליקום.
די אָפטיילונג פאר שוויץ פאר הערן איז אָפן ביי טאָג און ביי נאכט א חוץ פון 12 ביז 5 נמ. פאר דאמען.
וואנען־בעדער געעפנט א גאנצן טאג. באזונדערס רעמאנטירט. נייע קאכל-וואנעס. צו דער באקוועמלעכקייט פון די געסט איז איינגעאָרדנעט א היגיענישע ראזיראָפטיילונג, א שפעציאליזירטער הינער-אויגן-אפעראטער. — ערשטקלאסיקער בופעט און די פונקטלעכסטע באדינונג. — שטרענגסטע ריינקייט. יעגן כאזוך בעט די פאָרוואלטונג.


Editor şiRedactor răsponsabil: S. A. Soifer. Tipografie E. M. Ebner, Cernăuti, str. Regele Ferdinand 8